**גוט שבת אלע אידן.** די דייטשע רשעים ימ"ש האבן איינגענומען אונגארן אין תש"ג. ביים אנפאנג זענען די אידן וועלכע האבן געהאט ריכטיגע פאפירען פון אונגארן געראטעוועט געווארן פון ווערן אוועקגעשיקט צו די טויט לאגערן, ל"ע. (ווייל דעמאלט איז אונגארן געווען צוזאמען מיט דייטשלאנד.) עס זענען געווען אסאך אידן פון די קליינע שטעטלעך וואס האבן געוואוינט אין אונגארן עטליכע דורות וואס האבן ליידער נישט געהאט ריכטיגע פאפירען.

איינער פון די אידן וואס האט געראטעוועט אסאך אידן אין די יארן האט געהייסן שמאי דאווידאוויטש. ר' שמאי איז געקומען פון דעם קליינעם שטעטל דאנילאוו לעבן הוסט אין די קארפאטיאן בערג אין טשעכעסלאוואקיי. ביי די זעכסטן יאר האט ר' שמאי פארלאזט דאנילאוו און ער איז געגאנגען שטודירען אין בודאפעסט. ר' שמאי איז געווען פון די גאר ווייניג אידן וואס האבן שטודירט אין אוניווערסיטעט און זענען דאך געבליבן ערליך. אין בודאפעסט האט ר' שמאי ווייטער געלערנט תורה צוזאמען מיט זיין שטודירען להבדיל א פאך. ווען די דייטשע זענען אריינגעקומען האט ר' שמאי שוין באקומען סמיכה און להבדיל, האט ער אויך באקומען זיין דוקטוראט, ד"ה ער איז געווען א פראפעסאר, א שטודירטער מענטש.

צוזאמען מיט רייכע אידן אין אונגארן און מיט דעם העלף פון דעם באקאנטען גוי "ראול וואלענבערג" האט ר' שמאי ארגאנאזירט א גרופע מענטשן צו פעלשען פאפירען (פאספארטען וכו') כדי צו ראטעווען אידן. וויבאלד אז ר' שמאי האט געקענט צוועלף שפראכן האט ער געקענט אסאך העלפן.

בשעת די דייטשע האבן זיך דערנענטערט צו דעם שטעטל וואו ר' שמאי'ס משפחה האט געוואוינט, האט ער שנעל געארבעט צו ערלעדיגן גוטע פאפירען פאר זיינע עלטערן און צוועלף ברידער און שוועסטער און אנדערע חברים אין דאנילאוו אויך. ער האט גערעכענט אז עס וועט נעמען פונף טעג פאר די דייטשען מיליטער צו דערגרייכן דאנילאוו. אבער, ווען ר' שמאי איז אנגעקומען צום געגענט, איז ער געוואויר אז די דייטשע זענען אנגעקומען אסאך שנעלער ווי ער האט זיך פארגעשטעלט.

ווען ר' שמאי איז טאקע אנגעקומען צום שטעטל, האט ער געזען אז ער איז געקומען צו שפעט. די דייטשע האבן אויסגעליידיגט די געשעפטן אין די הייזער. עטליכע טויזענטע אידן האבן געווארט אויף דעם באן, צו ווערן אוועקגעשיקט, השם ישמרנו.

קיינע פון די סאלדאטן האבן נישט ערווארט צו זען א הויכען דייטשען אפיצער וואס איז פלוצלינג אנגעקומען צום באן סטאנציע. קיינער פון די דייטשע האבן נישט געוואוסט אז יענער "דייטשער גענעראל" איז געווען ר' שמאי.

"ווער איז דער הויפט אפיצער דא!" האט ר' שמאי געזאגט און פליסיגע דייטש צו איינער פון די סאלדאטן. "רוף אים און זאג אים אז ער זאל שוין אהערקומען!" האט ר' שמאי געשריגן.

באלט דערנאך איז אן אנדערער אפיצער טאקע אריבערגעקומען צו ר' שמאי. "צו דען ווייסטו נישט אז דו האסט עובר געווען אויף מיליטערישע געזעצען?!? די מענטשן דא זענען אונגארישע בירגערס! וואס מען טאר נישט פארשיקן!" האט ר' שמאי געזאגט איבערגעבענדיק א בינטל פאפירען (פאלשע פאספורטס פאר אלע אידן דארט.)

די צוקוקערס פון דעם באן זענען געווארן ערשטוינט. דאס איז נישט געווען קיין דייטשער סאלדאט! דאס איז געווען ר' שמאי דאווידאוויטש! דערנאך זענען די אידן פון דאנילאוו באפרייט געווארן פונעם הייסן באן און זיי זענען אהיימגעגאנגען.

ליידער איז עס אבער געווען א צייטווייליגע חנינה, ווייל א יאר שפעטער זענען די אידן פון דאנילאוו נאכאמאל אוועקגעשיקט געווארן, און ר' שמאי איז נישט געווען דארט צו ראטעווען זיי. ר' שמאי האט פאר א גאנצע יאר פרובירט צו איבערצייגן די אידן פון דעם שטעטל צו אנטלויפן, אבער צום סוף האט כמעט קיינער אים נישט געפאלגט און נאר איין שוועסטער פון ר' שמאי'ס גאנצע משפחה האט איבערגעלעבט די מלחמה, הי"ד.

פאר א גרויסע חלק פון דער מלחמה, האט ר' שמאי געוואוינט אין בודאפעסט מיט זיין משפחה. זיין פרוי און קינדער האבן זיך באהאלטן אין א בוידעם צוזאמען מיט אנדערע מענטשן פון זיין פרוי'ס משפחה. איין טאג זענען שמאי'ס שוויגער און אירע ברודער געכאפט געווארן. שמאי'ס פרוי האט אים געזאגט אז ער מוז עפעס טון... המשך יבוא...

אין די היינטיגע פרשה לערנט מען ווי יעקב אבינו ע"ה האט באקומען דעם נאמען "ישראל." מען זאגט נאך פון די ספרים הקדושים אז ישראל איז טייטש "ישר קל." ד"ה אידן האבן א דירעקט קשר צום אייבערשטען ,מען דארפט נישט צוקומען צו באשעפער דורך א שליח אזוי ווי די גוים. אפילו דאס אידישע פאלק איז דורכגעגאנגען שווערע צייטן איבער די דורות, האט "ישראל" אייביג געהאט די נצחיותדיגע דירעקט קשר מיטן רבונו של עולם. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת נינו לנכדו הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א בן בנו הרה"צ רבי אהרן מנחם מענדל שליט"א**

**מזל טוב למוה"ר חיים יעקב צבי גרויס הי"ו לרגל שמחת אירוסי בתו בשעטומ"צ**

מזל טוב למוה"ר שלום גרין הי"ו לרגל שמחת הבר מצוה של בנו יעקב יוסף הי"ו • מזל טוב למוה"ר אייזיק ראטענבערג לרגל שמחת נשואי נכדו בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוב בער בן רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה